# בית יעקב

## ליטעראַרישער פאַמיליען-זשורנאַל

יאַרגאַנג 8 — נומער 69

ארגאן פאר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און ארגאניזאציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן
רעדאקטאר: א. ג. פרידנזאן

— ד ע ר ש ײ נ ט י ע ד ן צ װ ײ ט ן פ ר ײ ט י ק —

ב״ה, לאָדזש פרייטיק פ׳ אח״ק ז׳ אייר תרצ״א — Łódź Kwiecień 1931


# סדר-היום פון צענטראַל-ראַט צוזאַמינפאר פון בנות-אגודת-ישראל אין ווארשע

זונטיק און מאָנטיק ט-י׳ אייר

## זונטיק ט׳ אייר 6 אָוונט

### פ״ערלעכע ערעפנונג

א) עפינונגס - רעדע

ב) באַגריסונגין

ג) טעטיקײטס-באַריכט פון צענטראַלן סעקרעטאַריאַט

הארכיון היהודי

ד) די בילדונג-פראַגע ביי דער יידישער פרוי – רעפעראַט

ה) קלויבן אַ פרעזידיום

## מאָנטיק י׳ אייר 11 פרי

ארכיון אסופות

### צווייטע זיצונג

ו) וויכוחים

ז) יידיש לשון אַלס פאַקטאר אין אונדזער ערציאונגס-אַרביט — רעפעראַט

ח) ארגאַניזאַציע-פראַגן אין בתיה-פאַרבאַנד—רעפעראַט

ט) ליטעראַטור און פרעסע — רעפעראַט

י) ארץ-ישראל — רעפעראַט

יא) די קולטורעלע און עקאנאמישע נויט פון יידישן מאַסן - קינד — רעפעראַט

## מאנטיק י״א אייר 4 נאָכמיטיק

### דריטע זיצונג

יב) אַלגימיינע וויכוחים

יג) פרויען-גלייכבארעכטיקונג איגים ליכט פון יידנטום—רעפעראַט

יד) פרייע פאַרשלאַגן

## מאָנטיק די נאַכט צו י״א אייר האַלב ניין אָוונט

טו) החלטות

## 11 ביינאַכט פײערלעכער באַנקעט

די פײערלעכע ערעפנונג-זיצונג וועט זיין אין גרויסן זיצונגס-זאַל פון וואַרשעווער שטאָט-ראַט. די מאָנטיקדיקע זיצונגין וועט באַזונדער באקאַנט גימאַכט ווערן אין וועלכן זאַל.

דינסטיק באַזוכן די מערקווירדיקייט פון דער פוילישער רעזידענץ אין באַגלייטונג פון וואַרשעווער חברות!

לייענט דעם קומינדיקן באַריכט = נומער פון בית-יעקב-זשורנאַל № 70 וואו ס׳וועט זיך גיפונין אַן אויספירלעכער באַריכט פונים צוזאַמינפאָר און די פאָטאגראַפישע אויפנאַמיס!

לייענט די ידיעות אין „טאָג-בלאַט". וועגן אַלע ווייטערע פרטים, וואָס נוגע דעם צוזאַמינפאָר. ביז איבערן צוזאַמינפאָר דאַרפן אַלע בריוו אין ". ס. אַדרעסירט ווערן:

Centrala „Aguda" Warszawa Graniczna 9
skrz.pocz. 103 „dla Sekretarjatu".

בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 069 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# גילײגט אַ יסוד...

## (פון דער גרונטשטיין חגיגה אין דלוגאשאַדלע)

יעדער פון אונדז שפירט שוין לאַנג בײַ זיך, אַז עפּיס זענען מיר נישט גירעכט, מיר זענען אונדזערע קינדער אַ שטיקל בעל-חוב. יאָ, מיר זאָרגן פאַר זייער חינוך, מיר שאַפן און פירן חדרים און שולן, מיר זענען זיך מטריח און טאַקע מיט אַלע אונדזערע כוחות זיי צו געבן אַזאַ חינוך, ווי ס-האָבן אונדז גיגעבן אונדזערע עלטערן, פיין, שיין און וואויל. פון אונדזער זייט — פאַרט איז דאָס נאָך נישט אַלץ!

וואָס האָבן מיר גיטועֿן פאַרן גיזונט פון אונדזערע קינדער? וואו זאָל אונדזער קליינוואַרג און יוגנט זיך דערקוויקן מיט אַ ביסל פ ר י ש ע ר לופט? מילא די קינדער פון רייכע פאַרמעגלעכע עלטערן זענען נאָך אין דעם פרט אַביסל פאַרזאָרגט, אָבער די אויסגימאַטערטע און שוואַכע גופים-לעך פון אָרימען מאַסן-קינד, פאַר זיי האָבן מיר שוין גאָר קיין התחייבות?

מיט אַ פינף יאָר צוריק בין איך גיוועזן אין דער באַקאַנטער מעדעם - סאַנאַטאָריע אין מיעדזשין (ביי אטוואצק), וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך בין רויט גיוואָרן פאַר בושה און ס-האַרץ איז מיר פאַרגאַנגען פאַר קנאה... פונוואַנעט נעמען דאָס אָרימע פּראָלעטאַריער אַזוי פיל געלט? אַזאַ בנין און אַזאַ איינריכטונג קאָסט דאָך אַ מטמון מיט געלט! ווי אַזוי דאָס איז גישאַפן גיוואָרן האָב איך מיר גישטעלט אַ שאלה. באַלד בין איך גיוואָר-גיוואָרן, אַז ס-רוב איז-ס פון אַמעריקאַנער געלטער פון „דזשוינט" און ענלעכע מקורים און נישט ווייניק אויך פון גיזאַמלט גראָשנס פון אָפּגישפּאָרטן אַרביטס-לוין.

נאָכן דערגיין דעם „סוד" מיט די אַמעריקאַנער, איז ביי מיר פונדעסטוועגן נישט אָפּגינומען גיוואָרן דאָס התפעלות פאַר דער מעדעם - סאַנאַטאָריע, ווייל גיוואוסט האָב איך שוין דעמלט אַז אפילו מיט אַמעריקאַנער געלטער און אַלע איבריקע גליקן מוז אַזאַ בנין אויפבויען, פירן און אויסהאַלטן, האָבן מענטשן מיט ענערגיע, חוש פאַר זער אַך און נאָך מיין טאַקע דעם גיניטן אָרגאַניזאַציע אַפּאַראַט.

אַריינקוקנדיק אין דער הנהגה פון אינווייניק אין דער סאַנאַטאָריע און נאָכן באַקענען זיך מיטן קינדער-לעבן דאָרט שוין די רוחניות-דיקע זייט דערפון, איז מיר דאָס בלוט אין די אָדערן פאַרגליווערט גיוואָרן... די קינדער האָבן וואָס אַן-אמת שוין יידיש גיפּלאַפּלט, אָבער אַלץ אַזוי פרעמד, ווייט פון דעם יידיש, וואָס מיר פאַרשטייען, אַז ס-איז טאַקע י י ד י ש... איך הייב אָן אַ דרישה וחקירה ביים דירעקטאָר פון דער סאַנאַטאָריע און ער דערציילט מיר, אַז פון די אַלע „קלערקאַלע פרומע זאַכן" איז ביי זיי קיין סימן נישטאָ. וואָס מיר שבת? ווער מיר כשר? ציצית, תפילין, דאַווינען. ווי קומט דאָס צו אונדז סאָציאַליסטן? און דערביי גיט ער צו מיט טריאומף — א י י ע ר ע פרומע יידן

בעטן זיך דאָך תחנונים, אַז מיר זאָלן זייערע קינדער דאָ אַרייננעמען און דערציילט באַלד אַ פאַקט פון דעם זעלבן טאָג, ווי אַ מלמד פון אַ וואַרשעווער תלמוד תורה האָט זיך מיט טרערן אין די אויגן גיבעטן אַריינצונעמען זיינס אַ קינד...

פאַרשטייט זיך אַז זיינע ווערטער האָבן מיר גישטאָכן, ווי אַ גליעדיקע שפּיז אין האַרצן און אַ פאַרשעמטער בין איך פון דאָרט אוועק...

זייער פיינלעכע מחשבות זענען מיך באַפאַלן. אַרום און אַרום, די גאַנצע „אטוואצקער ליניע" באַוואוינט מיט צענער טויזנטער יידן חרדים צווישן זיי ווי נישט שייך, אויך אַ ביסל עשירים און זיכער אויך נדבנים און זיי טוען גאָרנישט אַ טראַכט דערוועגן. ס-טייטש! בין איך אַ פאַרביטערטער גיקומען קיין וואַרשע און זיך אָפּגירעט ס-האַרץ פאַר אַ פּאָר היימישע פריינט. אַביסל שפּעטער האָט זיך באַוויזן אַ ידיעה, אַז דער פירער פון אונדזער חינוך-באַוועגונג ר׳ זושא פרידמאַן האָט אויסגיאַרביט אַ פּלאַן פון אַ ספּעציעלער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זאָרגן פאַרן גיזונט פון אָרטאָדאָקסישן* שול-קינד, אָבער באַלד איז דערמיט גיוואָרן שאַ-שטיל.

נאָר ווי זאָגט מען עפּיס „בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל". סאיז אונדז שוין ליידער באַשערט צו פאַרשפּעטיקן זיך, פאָרט קומען מיר מיט פאַמעלעכע טריט צו אַלע מוסדות, וואָס זענען אונדז נייטיק. מיט צוויי יאָר צוריק איז אין וואַרשע גישאַפן גיוואָרן די חנוך-אָרגאַניזאַציע „יהודית" און איינס פון איר ערשטער אַרביט איז גיווען, אַ זומער-קאָלאָניע פאַר אינדזערע שול-קינדער און פאַר אַ יאָרן האָט שוין די קאָלאָניע גיהאַט אַ שם אין אונדזער וועלט. די בית-יעקב-אָרגאַניזאַציע און די חורב-צענטראַלע איז צוגישטאַנען צו דער אַרביט און באַלד ענערגיש גינומען טראַכטן וועגן פאַרברייטערן דידאָזיקע אַרביט און אָט האָבן מיר שוין זוכה גיווען צו לייגן אַ יסוד פון אַ גרויס בנין, וואָס מיר קענען גאָרנישט אָפּשאַצן ס-חשיבות דערפון. ס-וואָלט גיווען אַ שטיקל עוולה נישט צו דערמאָנען ד רביי די גרויסע טירחא פון שול-דירעקטאָר ר׳ יואל אונגער, דעם הויפּט-מיסד פון דעם בנין, ער האָט דערפאַר אַ סך, גאָר אַ סך זיך מטריח גיווען און אין דלוגע-שאַדלע איז ה׳ אונגער טאַקע גיווען דער אמת-ער „מחותן" בראש פון דער שיינער האַרציקער חגיגה.

בסך-הכל זענען מיר גיווען ביי דער חגיגה, אַ פּאָר היימישע מענטשן, דערפאַר אַלץ בעלי-מעשה. און די וואָס לעבן טאָג אויף טאָג פאַרקניפּט מיט די צרכים פון אָרטאָדאָקסישן עולם: דער הדרת-פנים-דיקער חשובער ראַטמאַן פון דער רעזידענץ ר׳ אייזיק בער עקערמאַן, דער תמיד מיושב-דיקער בעל-סברא און באַלעבאַטער ר׳ זושא פרידמאַן, דער פריינט פון אַלץ און אַלע, וואָס



דער דלוגאשאַדלער רב באַגריסט די חגיגה



הארכיון היהודי

# לאַ המדרש עיקר!...

## (צום צענטראַל־ראַט צוזאַמענפאָר פון בנות־אגודת־ישראל)

**נאָך** אַן־הפסקה פון צוויי יאָר קומען מיר זיך ווידער צוזאַמען. אונדזערע קאָנפערענצן ביז היינט האָבן ב"ה נושא פּירות געווען. שוין דאָס, אַז אַ שיין ביסל החלטות זענען אויסגעפירט גע־וואָרן איז אַ גוטער סימן. מיט אַ באַזונדערער שמחה קאָן מען דאָס זאָגן אַקעגן די החלטות פון דער צווייטער לאַנד־קאָנפערענץ, וואָס איז געווען אין לאָדזש מיט צוויי יאָר צוריק גראָד איינעם זעלבן טאָג ווען מיר וועלן זיין אין וואַרשע. ס'איז זייער געוואונטשן, אַז אַלע חברות, און דעלעגאַטנס וואָס קומען צום צענטראַל - ראַט צוזאַמענפאָר, זיי זאָלן לייענען דעם באַריכט־נומער פון בית־יעקב 43, כדי צו קענען מאַכן אַ חשבון פון דעם וואָס איז יאָ אדער נישט אויסגעפירט געוואָרן פון די דעמאָלטיקע החלטות. נישט דאָ איז דאָס אָרט אויסצורעכענען, אונדזערע מעשים במשך די צוויי יאָר, וואָס זענען על־פּי־רוב באַקאַנט. אַגב וועט אַ אויספירלע־כער טעטיקייטס־באַריכט אויפן צוזאַמענפאָר געהערט ווערן, דאָס וואָס מיר ווילן אָבער דאָ יאָ זאָגן האָט עס נאָר אַ שייכות פעסט צו שטעלן אונדזער קוק אויף דער צענטראַלער אַרבעט. מיר גייען אַרויס פון דער הנחה, אַז קודם־כל מוז געאַרבעט ווערן און ביי די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע וואָס מיר פירן, וואָס קען אַמאָל אויסקוקן ווי „בלאַף" איז עס פאַקט נישט אַזוי. ס'ווערט מער, אַ סך מער געאַרבעט ווי גערעדט...

אַ צענטראַלע דאַרף זיין דער מעורר, דער אָרגאַן וואָס שטופּט צו אַרבעט, ווייזט אָן ווי אַזוי צו אַרבעטן, ברענגט אַריין חיות אין דער באַוועגונג, רופט אַרויס אַלעמאָל נייע מעשים, שטייט אויף דער וואַך און דאָס אַלץ איז געטון געוואָרן מיט אַ עודף און דער־ביי נישט געקאַרגט קיין מי איבער די כוחות.

אויף דעם היינטיקן צוזאַמענפאָר לייגן מיר גרויסע האָפנונגען. מיר דערוואַרטן נישט בלויז שיינע רעדעס, נאָר ס'ווילן זיך הערן די ערנצטע ווערטער און פּירלייגן, וואָס זאָלן דערנאָך מחייב זיין צו מעשים.

שוין דאָס וואָס ס'קומען צום צוזאַמענפאָר אונדזערע אויסגעקלי־בענע חברות און פירערנס פאַרשטאַרקט ביי אונז דעם בטחון אַז ס'וועט אַזוי זיין.

מיר זענען גרייט אויפצונעמען נייע החלטות און מיר וועלן בעזר השם, איך די פרישע ווי אַלע פריערדיקע אויפרופן, כדי אונדזער אַרבעט זאָל וואַקסן אין דער ברייט און זיך פאַרשטאַרקן אין דער טיף... מיר ווינטשן זיך, אַז פון היינטיקן צוזאַמענ־פאָר זאָל אַרויס דער רוף צו אַלע חברות: לא המדרש עיקר אלא המעשה...

**צענטראַלער סעקרעטאַריאַט**

*

רופט אויף אַלע מאָל מיט זיין געוויסנס־פעדער דעם עולם צו אַ פרישער עלי', ר' אַברהם מרדכי ראָגאָווי, דער טיף אין זיך טראַכטנדיקער חוקר, ר' יודא לייב אָרלעאַן, די חשובע וואַרשע־ווער בעלי־בתים עלבינגער, ריבא, דער אָבסערוואַטאָר און באַ־שרייבער פון „עמק אין שטעטל", ב. סאָקאָלאָוו, דער יינגער גע־שיקטער זשורנאַליסט משה מאַרק, אַצינד דער „מחותן" ר' יואל אונגער ואני הקטן, וואָס די ווייטע נסיעה האָט מיר צוגעגעבן דאָס חשיבות פון אַ גאַסט...

פון אַלע אסיפות און חגיגות, וואָס כ'בין שוין געווען ביי זיי, זינט אונדזער געזעל־שאַפטלעך לעבן בויט ז.ך, איז ביי מיר דער רושם פון אָט דער באַשיידענער חגיגה געווען אַ סך שטאַרקער. ס'ביי מיר נישט קיין ספק, אַז מיטן לייגן דעם יסוד צו דעם בנין, פון דער ערשטער אָרטאָ־דאָקסישער זומער־קאָלאָניע, עפענען מיר אַ נייע תקופה אין אונדזער חינוך־אַר־בעט. מיר וועלן אַריינ־פירן אַ גאַנץ נייעם קוק ביי אונזערע יידן, וואָס עס הייסט חינוך. דער אָרטאָדאָקסישער ייד, סיי דער פשוטער חבר, סיי דער עסקן וועט אָנהייבן פאַרשטיין, אַז פאַר אונדזער קינדס־ערציאונג מוז מען זאָרגן מיט אַ ברייטערן פאַרנעם. אי די נשמה פון אונדזער קינד מוז דורך אונדז פאַרזאָרגט ווערן און לאָמיר האָפן, אַז דער ברייטער עולם וועט גיין צו הילף, די באַשעפער און בויער פונים ווי־כטיקן בנין און מיר וועל באַלד זען די פרייד פון אונדזערע שלמה־לעך און רחל־לעך ביים קוויקן זיך מיט לופט, וואַסער און זון!

*

אַצינד – אַ פּאָר שורות וועגן פּלאַן פון דער קאָל ניע:

די געגנט איז אויף ווייטע שטחים אַרומגערינגלט מיט בלויז נאָדל־ביימער, זאַמדיק און טרוקן; די לופט אַ געזונטע און פון מעדיצי־נער שטאַרק געלויבט פאַר דעם צוועק.

דער פּלאַץ וואו דאָס בנין ווערט געשטעלט נעמט אַרום אַ שטח פון 3 מאָרג לאַנד. דער אַרכיטעקט אינזש. האָלצמאַן פאַרזיכערט, אַז דאָס בנין וועט זיין געבויט לויטן מאָדערנסטן סיסטעם און לויט אַלע תביעות פון היגיענע און געזונטהייטס־שוץ. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט שוין זיין פאַר־טיק דער פּאַרטער, וואָס וועט אַריינעמען קרוב 150 קינדער. שפּעטער, אַז ס'וועלן זיין מער געלט־מיט־לען וועט מען קענען אַרויפציען דעם 1־טן שטאָק. און נאָך קע־נען בויען אויפן זעל־בן פּלאַץ נאָך בנינים. אין דעם בנין פון יעצט וועלן גיין: 4 גרויסע שלאָף־זאַלן, אַ שפּיל־זאַל, וועראַנדעס אַ ברייטע זון־טעראַסע, 2 קוכן (אויף מילכיק און פליישיק). אַ איזאָלאַציע צימער פאַר קראַנקע קינדער, וואַש־צימערן און ספּעציעלע שטובן פאַר גאַרדעראָבע, ווירטשאַפט, וועשעריי ווי אויך קעלערן פאַר די פּראָוויאַנט־מאַגאַזינען.

די אַרבעט ווערט געפירט דורך ה' סעגאַל און די בוי־אַרבעט פירט אויס די בוי־פירמע ראָזן און קאַסאָווסקי אין גאָוואַראָווע.

**אליעזר גרשון פרידנזאָן**




**דאָס פאַרלייענען פונים פּאַ־מיט דעם גרונטשטיין־אַקט!**




בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 069 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# ספירה צייט

## פון שרה שעבירער

דער ליבער שיינער פסח האט זיך מיט אונדז אפגיזעגנט. שוין אוועק זענען די טעג ווען די עלטערן האבן גיקענט מיט די מצוות און מינהגים פון דעם דאזיקן יום-טוב אריינגעבן אין די הערצער פון זייערע קינדער דאס התלהבות פאר אונדזער תורה הקדושה. אלע פעדאגאגן אין דער וועלט מוזן מודה זיין אז קיין בעסערע מעטאדע און לימוד פאר אונדזערע קינדער קאן נישט זיין, ווי עס איז דער יום-טוב פסח. אצינד הייבן מיר אן צו ציילן וואכן און טעג ביז קבלת התורה. ווי א גליקלעכער חתן בענקט צום טאג פון זיין חתונה, אזוי איז ישראל פול מיט ווארטן אויפן אנקומען פון די טעג פון מתן תורה. מיט יעדן טאג וואס גייט אוועק פארגרעסערט זיך אלץ כסדר די תשוקה צו די קומידיקע טעג.

ר' חייא לערנט: „זיבן גאנצע וואכן זאלסטו ציילן, ווען וועלן זיי גאנץ זיין?" (ווען וועט אויפהערן די קללה פון דער צייט און ס-וועלן פער וואונדן די יידישע צרות?) און ר' חייא ענפערט: ווען ישראל וועט טון דעם רצון פון השי"ת.

די פרעדיקער פון דער מאדערנער צייט הייסן אראפווארפן די יוגנט פון זיך דעם עול פון יידישקייט, דערמיט מיינען זיי, וועלן מיר זיין גיהאלפן און גליקלעך.

זיי די אפיקורסים רופן זיך „פרייע מענטשן" און פארגעסן דערביי אז זיין א קנעכט צום אייגינים „איך" איז קיין גרעסער עבדות און שפלות נישט פאראן.

גאר אנדערש פארקוקט זיך דער מאמין און דער שומר התורה אויף דעם וואס עס רופט זיך „פרייקייט", און דא לערנט אונדז דאס ספירה-ציילן זייער א סך.

*

די צווייטע פסח-נאכט ווען מ'האט אנגיהויבן שניידן דעם עומר און ברענגין דעם ערשטן גערשט צום כהן – כאטש דער גערשט איז שוין לאנג צייטיק גיוועזן — האט ערשט דעם ייד מתיר גיוועזן אים צו נוצן.

און אונדזער הייליק לאנד האט דאס ספירה-ציילן גירופן צו אלע יידן צוזאמין און צו יעדן ייד באזונדער: דאס לאנד וואס איר פארמאגט, דער אקער וואס גיהער אייך און די פירות וואס זענין אין אייער רשות, דאס אלץ איז פארט נישט דער עיקר פון אייער יידיש לעבן. ווען איר וועט מקיים זיין די תורה וועט טאקע דאס אלץ זיין אייער, און אויב חלילה נישט, וועט דאס פעטע לאנד און זיין זיסע פרוכט פאר אייך פארלוירן גיין.

און וואס איז גישעען?

אזוי לאנג טאקע ווי ישראל האט דעם מהות און באטייט פון ספירה-ציילן פארשטאנין איז ישראל גיזעסן אויף זיין ערד און גישניטן מיט גיזאנג זיין אייגינער תבואה. ווייבאלד אבער דאס יידישע פאלק האט פארגעסן זיין תכלית, איז אוועקגינומין גיווארן פון אים זיין לאנד, זיין [illegible] און זיין גאנץ נאציאנאל-פארמעגן.

* * *

צוויי טויזנט יאר, וואגלט שוין דער ייד אין גלות און נישטא מער די אייגינע פעלדער, אפגינומין גיווארן די היים און א חורבה איז פון אלץ גיווארן און במילא איז דאס ספירה ציילן גיווארן זייער פראבלעמאטיש. און פארט ווען מיר האבן שוין נישט אפילו דעם כהן און נישט ארץ ישראל און נישט דאס בית-המקדש זעען מיר נישט אז ס-זאל אנקומין אין יידישן הארץ א בענקשאפט צו תשובה און עס האלט חלילה גאר שלעכט אפילו מיט דעם אלטן קולטור-פארמעג וואס עס איז אונדז נאך פארבליבן.

די גאנצע גלות-געשיכטע, וואס אין איר פארלויף זענין אזוי פיל טרויריקע צייטן גיוועזן, דערציילט אונדז אז די ספירה-צייט איז גיוועזן מסוגל פאר די בלוטיקסטע און מורא-דיקסטע יסורים און חורבנות. מיר זענין אבער ארויס גישטארקט אין אונדזער בטחון דוקא פון די אלע טרויעריקע איבערלעבונגין.

די יידישע נשמה איז נאך גיבליבן וואכידיק און דאס גיפיל פון חיות און בענקשאפט איז נישט אפגיטעמפט גיווארן. אונדזערע הערצער זענין נאר א ביסל פארשלאפן און ס-איז טאקע אונדזער הייליקסטער חוב דאס יידישע הארץ אויפצואוועקן פונים לעטארגישען שלאף.

די אלע קדושים וואס זענין גיגאנגין אויף קדוש השם מיט שמע-ישראל אויף זייערע ליפן אין פייער און פלאמין, זיי אלע לעבן אויף אין די טעג פאר אונדזערע אויגן.

זאלן מיר לייענין די טראגישע בלעטער פון זייער לעבן און שטארבן און שוין דאס וועט אונדז צו א פארשטארקטער אמונה פירן. זאלן מיר אין די ספירה-טעג ציילן אונדזערע מעלות און חסרונות און פאר אונדז „בנות אגוד ישראל" איז דאס ציילן די טעג וואכן און יאר, שוין גיווארן א סימן פאר בענקשאפט צו לעבן מיטן גאנג פון עלי'-אידעאל, למנות ימינו כן הודע!

*

גראד גיפאלן די היינטיקע ספירה-טעג נאכדעם ווי מיר האבן אפגישלאסן א תקופה פון 5 יאר בנות-אגודת-ישראל ארבייט און מיר שטייען אצינד ערב דעם ווארשעווער צוזאמינפאר, וואו ס-וועט בע"ה ווידער גילייגט ווערן דער יסוד פאר א נייער תקופה פון אונדזער באוועגונג.

זאל-זשע יעדע פון אונדז קומין צום צוזאמינפאר מיט דעם חשבון טון ציילן, וועגן און מעסטן, אונדזערע מעשים נאר דעמלט ווען מיר וועלן אזוי טון וועט אין אונדזער ארבייט זיין הצלחה און מיר וועלן דערנענטערן די שעה, פון אמתער גאולה און חרות הנפש...

# די גיטרייע תלמידים

פון בוך: אין גלאנץ פון דער שכינה.
וואס וועט בקרוב דערשיינען.

רב זושא האט גידינט
דעם אייבערשטן מיט פייער...
גיקליבן יידישע נשמות
ווי אוצרות אין שייער...

גלות אפגירעכט
אויף ווייטע וועגן...
מיט זיין ברודער אלימלך
גיוואגלט אין שניי און רעגן...

פון ישוב צו ישוב,
פון ארט צו ארט
פארשפרייט די בשורה
פון בעש"ט, און זיין הייליק ווארט...

אליעזר שינדלער


בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 069 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# נאך וועגן געטלעכע לידער

## פון ד"ר שלמה בירנבוים

אַ שיינעם דאַנק די אלע, וואָס האָבן מיר אַריינגעשיקט לידער וועלכע ס'האט נאך נישט געשיקט. בעט איך זיי עס צו טון.) ווי געשיקט זיך, ווער קען נישט אַ פּאָר לידער? און זאָל מען נישט מיינען, אַז מע דאַרף נישט שיקן אַ ליד, ווייל מע וועט עס אַוודאי שוין קענען. אויף דעם אופן קען אַ מאָל זיין, אַז אַ ליד קומט גאָר נישט, ווייל יעדער פאַרלאָזט זיך אויפן אַנדערן. — כ'וועל היינט ברענגען אַ פּאָר פון די לידער, וואָס כ'האָב באַקומען.

•

אַ באַל איז פאַר אונדז אַלע אנגעגרייט,
מיר זענען געבעטן צו דעם : ת,
אַ זאַל מיט קרעדענצן פאַרנט שטייט,
אין מיטן ליגט דער לויתן.

מלאכים, משרתים, שטייען,
דער סאַרווער איז דער אייבערשטער אליין,
און ער טיילט אַלץ, וויפל איינער האָט די ווערט,
דער סאַרווער טראָגט די קרוין
ער טיילט אַלץ יעדן נאָך זיין לוין,
און ער טיילט אַלץ, וויפל איינער האָט די ווערט

אָבער ווער ס'איז נישט געבעטן אויף דעם באַל,
דעם לאָזט מען נישט אַריין אין זאַל,
און דער מוז אין דרויסן שטיין,
און קען אויפן באַל נישט אַריינגיין.

סע קומען פון ווייטע לענדער
הערן אין היכלע צילענדער:
„היינט לאָזט מיך אַריין
אויפן באַל וויל איך זיין.

איך בין מיר דאָך אַ שרה,
טויזנט רובל פאַר אַ כפרה!
היינט לאָזט מיך אַריין,
אויפן באַל וויל איך זיין!"

„דו ביסט ביי מיר ניט קיין יחוס,
דאָ דאַרף מען נאָר בטוחות,
און דו ביסט ביי מיר קיין שום בטוח!"

דעם קאַרק איינגעבויגן
דאָרט גייט אַן אַלטער מאַן,
זיין בילעט טראָגט ער ביי זיך אין דער האַנט.
ער שטעלט זיך אַנידער און ר'איז גאָר איינגעשפּאַרט.
ער זאָגט: „וויפל צרות האָב איך געליטן,
היינט בין איך דאָ אַ מחותן,
היינט לאָזט מיך אַריין,
אויפן באַל וויל איך זיין!"

אַברהם אָבינו גיט אים באַלד די האַנט.
ער זאָגט: „רבונו-של-עולם, ער איז מיר גוט באַקאַנט"
און מע מאַכט באַלד פאַר אים אַן אָרט,
צווישן אַלע צדיקימלעך דאָרט.
מע טאַנצט, מע זינגט, אַלע צוזאַמען דאָרט.

אַריינגעשיקט פון אסתר ראָזע, בענדין, געהערט פון איר מוטער.

Hamburg 13, Dillstr. 19

דאָס איז אַ ליד מער פונעם רעליגיעזן געדאַנק ווי פונעם רעליגיעזן געפיל, אַט דאָס ליד פון עולם-הבא. פאַרקערט איז עס ביי דעם צווייטן ליד, וואָס פירט אונדז אין עבר און הווה:

•

מיר וועלן פאַרציילן די מעלות פון די הייליקע יידעלעך:
די ערשטע מעלה: אום אני חומה,
ווידער אַ מעלה: ברה כחמה
כאַטש, כאַטש, כאַטש, גולה וסורה
דאָך, דאָך, דאָך דמתה לתמר.

ווידער אַ מעלה: ההרוגה עליך
נאָך אַ מעלה: נחשבת כצאן טבחה,
כאַטש, כאַטש, כאַטש זרוי' בין מכעסי'
דאָך, דאָך, דאָך חבוקה ודבוקה בך.

ווידער אַ מעלה: טוענת עולך,
נאָך אַ מעלה: יחידה ליחדך,
כאַטש, כאַטש, כאַטש כבושה בגולה
דאָך, דאָ, דאָך לומדת יראתך.

ווידער אַ מעלה: מרוטת לחי,
כאַטש, כאַטש, כאַטש נתונה למכים
דאָך, דאָך, דאָך סובלת סבלך.

ווידער אַ מעלה, עניי סוערה,
נאָך אַ מעלה: פדית טובי'

וואָס זענען זיי? — צאן קדשים.
און ווי רופן זיי זיך: קהילות יעקב.
מיט וועמען צייכענען זיי זיך? רשומים בשמך.
וואָס שרייען זיי? שואגים הושע-נא.
און אויף וועמען פאַרלאָזן זיי זיך? תמוכים עליך
ווי רופן זיי? הושע-נא!

אַריינגעשיקט פון י. הלוי בירנבוים, לאָדזש.

אַט דאָס ליד, וואָס איז געמאַכט אויף די הושענות, איז פונעם „קדושת לוי". פון ר' יצחק לוי באַרדיטשעווער, ווי מען דערציילט.

ווייער פאַרשפּרייט איז היינט דאָס ליד, וואָס אַ טייל דערפון האָב איך געבראַכט דאָס ערשטע מאָל.

אדיר הוא ולא ינום,
בהור הוא ולא ישן —
שדי תושיע!
הן בעיר, הן בכפר,
הן בבקעה, הן בהר,
הן בשדה, הן ביער —
תוציאנו מגלות המר!
למה פניך תסתיר,
תשכח ענינו ולחצינו?
אוי גיוואַלד, אוי גיוואַלד,
אוי גיוואַלד, אוי גיוואַלד,
רבונו-של-עולם, דו ווייסט דאָך אַליין,
כי שחה לעפר נפשנו
דבקה לארץ בטננו...

הארכיון היהודי
ארכיון אסופה

איבער דעם בעט מען דיך:
קומה, קומה, קומה, קומה
קומה עזרתה לנו
ופדינו למען חסדך.

גדול הוא ולא ינום,
דגול הוא ולא ישן —
שדי תושיע!
אא״וו

הדור הוא ולא ינום,
ותיק הוא ולא ישן —
שדי תושיע!
אא״וו

זכאי הוא ולא ינום,
חסיד הוא ולא ישן —
שדי תושיע!

און אזוי ווייטער מיט די ווערטער: טהור, יחיד, כביר, למוד, מלך, נורא, סגיב, עזוז, פודה, צדיק, קדוש, רחום, שדי, תקיף — פונים ליד אין דער הגדה. דאָ האבן מיר ווידער אַן-אַנדערן טיפ פון די געטלעכע לידער: געבעט אף ישועה, אף גאולה, אפן משיח.

אַרייַנגעשיקט פון י׳ ח׳ עלכנאוויץ, פשעדבאָזש.

אַצינד נאך די ערשטע שורות פון אַ ליד, וואָס ס-האט מיר אַרייַנגעשיקט בנציון פילווינסקי, לאמזשע. ער האַלט, אַז דאָס האבן מחבר געווען די תלמידים פון דער נאָוואַרעדיקער ישיבה „בית-יוסף״.

אין אַן-אַרביט וועגן די געטלעכע לידער וועט מען זיך אויך כוון פאַרנעמען מיטן דאזיקן טיפ, אבער אַ פאלקס-ליד אַזוי ווי די ביז-אַהעריקע קען מען דאָס נישט אָנרופן. דאָ שפירט זיך שוין די השפעה פון עלטערן יידישן טעאַטער-געזאַנג.

אַן-אומהלע אַ קלייַנע,
צווייט איבער דער גאַנצער וועלט,
מיט זיטן גאָר גאַנץ שיינע
איז זי צוזאַמענגעשטעלט.

נאָר וואָס זי צייכנט זיך אויס גאַנץ בעסער
און סע גלאַנצט אף איר די פאָן,
דאַן ווערט די שנאה צו די יידן גרעסער
אבער שלעכטס קען איר קיינער ניט טאָן.

כאָר:
מיר, מיר יידאַלעך
מיר, מיר יעקאַלעך
מיר, מיר, מיר, מיר,
מיר ישראליקלע׳.

דאָס גאַנצע געבייַ איז נישט ווי פון אַ פאלקס-זאַך. פאַראַן גענוג דייַטשע ווערטער: זיטן, האכצייַט, ליבן, פראַכט, פיר, ליבעס קינד. אַן-אָפּ-גידראשן סענטימענטאַלקייַט, ווי אין דעם לאַנגן ליד ווערט איבער-געגעבן דאָס אַלטע משל: דער רבונו-של-עולם איז דער פאָטער, די תורה די כלה, ישראל דער חתן. דאָס לשון פון פאלקס-ליד איז פשוט און קלאָר, און דערבייַ שאַרף און בולט. דאָ, אין דעם ליד, איז עפּיס אַ קאַשע מיט אומגעלומפּערטע ווערטער: אַ פאלק איז צוזאַמענגעשטעלט מיט זיטן; גאַנץ בעסער; די פאָן גלאַנצט; און די מליצה, אַז קיינער קען נישט כון קיין שלעכטס די יידן, איז נישט זייער געראָטן.

צום סוף צוויי לידער, וואָס זענען אויך פאלקס-לידער, כאָטש דער מחבר איז באַוואוסט. דער עיקר איז אבער דאָ דאָס פאַר-שפרייטונג זייערס. זיי זענען באַשאַפונגען פונים קאַליווער רב. דאָס ערשטע איז אַ פראַגמענט פון אַ גרעסער ליד, וואָס גיסט אויס דאָס בענקשאַפט פון דער יחידישער נשמה צום אייבערשטן.

ברודער, ברודער, האַרציקער,
כ-קאָן אָן דיר נישט זיין קיין מינוט,
זאל מען זאָגן, אז איך בין שיכור —
דו ביסט זיס, דו ביסט גוט!

כ-קאָן אָן דיר נישט פאַרגעסן,
דו ביסט בעסער, ווי גוטער ווייַן,
כ-האב נישט מער קיין אינטערעסן,
איך בין דייַן און דו ביסט מייַן!

אַז איך האב דיך ביי מיר,
איז מיר בעסער, ווי א מלך,
כ-דאַרף נישט קיין ווייַן, קיין ביר
ס-איז אַזוי אויך זייער פרייַלעך.

כ-קאָן אָן דיר נישט פאַרגעסן,
אאַ״וו.

באַלד אין דער* פרי, באַלד באַגינען
ווי כ-עפן מייַנע אויגן,
האב איך דיך שוין אין זינען
גערן צו דיר געפלויגן.

כ-קאָן אָן דיר נישט פאַרגעסן,
אאַ״וו

אַרייַנגעשיקט פון אַלטער שנור אין ביעטש.

מיטן אנדערן ליד, וואָס איך ברענג הייַנט פונים קאַליווער, קומען מיר ווידער צום כלל. די גאולה איז דאָ דאָס ענין:

אף די גרינע גראָזן,
אפן פרייַען פעלד
האט זיך אַ פייגאַלע
אַנידערגעשטעלט.

וואָס פאַר אַ פייגאַלע איז דאָס
וואָס פאַר אַ פייגאַלע איז דאָס?

פערל פיסקל,
געלע פיסלעך,
ס-קען גיין קיין ירושלים.

ווען וועט דאָס זייַן?
ווען וועט דאָס זייַן?
אַז משיח וועט קומען.
במהרה בימינו,
דעמלט וועט דאָס ז ין!

אַרייַנגעשיקט פון משה אפרים מאשקאוויץ, אוסטריק.

**זייער** שווער איז מיטן ניגון פון די לידער. ״ערווייַל האב איך נאך נישט באַקומען קיין שום ניגון, און נאר איין צו-זאָג וועגן ניגונים. בעט איך זייער, מע זאל זען אויסצוזוכן מענטשן, וואָס קענען פאַרשרייַבן אַ ניגון און אים זינגען די לידער. וואָס ער קען נישט אַליין, אויך די וואָס זענען שוין געדרוקט אין בית-יעקב. אויך ביי די ניגונים זענען פאַראַן פאַרשיידענע נוסחאות.

---

## תיקון טָעות

אין „משה רבי׳ו-ס טויט״ פון שלמה בירנבוים (ביי נומער 67-68) דאַרף מען אויסבעסערן:

סטראָפע פיר דאַרף זיין: „זיי זענען מיין געווען, מייַן קינד״.

אף ז׳ 13: אין דער מיטלסטער סטראָפע פון אויון, דאַרף צום סוף שטייען: ושטום. ד״ה די לעצטע שורה איז: דאָס זענען צוויי זונין, וואָס פּ׳עגן אים שטום.

אין דער סטראָפע דערנאָך, שורה דריי: „העי, טראָג דיך אַ פיט פון מיר!

אַז גאַר נאָנט אין שכנישן ישוב וואוינען גרים. לויט דעם פּנים האָט מען קיין גרים קיינמאָל נישט דערקענט. איך האָב גיזעען טויזנטער גרים און צווישן זיי קיי יידיש אויסזעען קיינמאָל נישט באַגע.נט.

אַז יידן אדער רוסן פלעגן דאָס ערשטע מאָל באַגעגינען גרים, האָבן סיי יידן סיי רוסן נישט גיקענט משיג זיין, אַז „רוסן אמת-ע מאַסקאַליס" זאָלן זיין יידן... היטן יידישקייט, האַלטן שבת, לייגן טלית און תפילין...

אין שטעטל דזשאַניבעק, — אויף דער באַן-ליניע סאַראַטאָוו — אַסטראַכאַן (אויף רוסיש האָט די אָרטשאַפט גיהייסן — סטעפּנאָי — גאָראָד) האָב איך גיהאַט אַ גוטן פריינט אַ גר איז ער גיוועזן אַ בעל-מלאכה — אַ קאָוואַל, האָט ער מיר דערציילט:

ווען איך בין גיקומען צום מיליטער האָט מען מיך גישיקט דינען קיין בוזולוג, אַ שטאָט אין אָרענבורגער סטעפּ. ביז צו יענער צייט האָב איך נאָך קיינמאָל קיין ייד פאַר מיינע אויגן נישט גיזעען. דעם ערשטן טאָג, ווען אַלע ניי-אָנגיקומינע רעקרוטן האָבן זיך גיהאַט פאַרזאַמלט אין דעם הויף פון די קאַזאַרן האָט דער פעלד-וועבל גישריגן, אַז די רעקרוטן זאָלן זיך טיילן אין גרופּעס לויט זייערע אמונות. טאַטערן באַזונדער, יידן באַזונדער, לוטעראַנער באַזונדער און פּראַוואָסלאַוונער באַזונדער. מ-יועט באַלד גיין שווערן די מיליטערישע שבועה, מוז יעדע גרופּע באַזונדער שווערן.

דערהערט דעם באַפעל פונים פעלדוועבל, דערציילט מיר דער גר, דער קאָוואַל, האָב איך מיך אומגיקוקט וואו יידן האָבן זיך גרופּירט, און מיך מצורף גיוועזן צו דער יידישער גרופּע. די יידישע רעקרוטן האָבן מיך מאָדנע אָנגיקוקט, ווי קום איך עפּיס צו זיין? נאָר דאָס האָט מיך נישט גיאַרט. פּלוצים קומט אָבער דער פעלדוועבל און זאָגט מיר אַזוי, דיבורים, ווי אַ פּאָנישער קען... צונויפגימישט מיט קללות און זידלערייען, און פרעגט מיך צי איך האָב נישט גיהערט, אַז יעדער מוז זיך אויסשטעלן לויט זיין אמונה און פאַרוואָס איך גיי נישט תיכף ומיד צו דער פּראַוואָסלאַוונער גרופּע! ענטפער איך דעם פעלדוועבל, אַז איך האָב זיין באַפעל גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און אַז איך האָב מיך גישטעלט צו דער גרופּע וואו איך געהער טאַקע. וואָרן איך בין נישט קיין „צערקאָווי" נאָר אַ ייד...

דער פעלדוועבל האָט אויסגישאָסן מיט אַ גילעכטער. אַ שיינער „יעווריטשיק" פון וואַניט ביזטו, פון באַרדיטשעוו?.. ברודערל, מיט מיר וועסטו קיין קונצן נישט מאַכן, ס-קען זיין, אַז דו* האָסט היינט גיטרונקן אַ פּאָר איבעריקע כוסות, נאָר ביי מיר וועסטו באַלד ניכטער. איך בין שוין אַן אַלטער פעלדוועבל און בין שוין מיט גרעסערע „פילאָזאָפן" ווי דו ביזט, פאַרטיק גיוואָרן... גיי תיכף אַהין וואו דו גיהערסט צו דיין „סטאַדע"... און אויב נישט, וועסטו באַלד גיוואָר ווערן וואָס „דיסציפּלין" און וואָס „סלוזשבע" איז טייטש...

די עטליכע יידישע רעקרוטן לעבן מיר, האָבן נעבעך גיציטערט פאַרן פעלדוועבלס „לשון" און איך האָב אים שוין גאָר ערנסט גיענפערט, אַז איך וועל פון דער יידישער גרופּע נישט אָפּטרעטן, איך בין אַ ייד און וועל צוזאַמען שווערן מיט יידן... דערהערט די תשובה איז דער פעלדוועבל גאָר אינגאַנצן אַרויס פון די כלים, גילאָפן מלא רוגזא צום אָפיציר און מיך גימסרט. איך בין אַן עזות פּנים, מאַך חוזק פונים באַפעל און וויל נישט שווערן מיט די פּראַוואָסלאַוונע...

דער אָפיציר איז גיקומען, מיך גיפרעגט ווי איך הייס, פון וועלכער גובערניע איך בין, און תיכף פאַרשטאַנען אַז איך גיהער „צו די רוסן וואָס זענען גיוואָרן יידן"...

„לאָז אים" האָט דער אָפיציר גיזאָגט צום פעלדוועבל „ער איז אַ ייד, דאָ אַ סך אַזוינע יידן אין דער רוסישער אַרמע און זענען נישט קיין שלעכטע זעלנער"...

דער פעלדוועבל האָט מיך שוין מער נישט גיטשעפּעט. אַז ער פלעגט מיך דערנאָך באַגעגינען, האָט ער אויף מיר גיקוקט מיט אַ מאָדנע רחמנות...

און זיין מוח האָט דאָס נישט גיקענט תופס זיין אַ „רוסקי טשעלאָוויעק" אַ קרעסטיאַנין זאָל זיין אַ ייד...

ה.

**אין** גרים-דערפל גאָלאָסאָוו האָט גיוואוינט אַ יינגער גר יעפרעם (אפרים) שעשלאַניקאָוו, אַ גבור חיל, ממש אַן עוג מלך הבשן, האָט ער מיר דערציילט אַזאַ מעשה-לע:

בשעת מלחמה האָב איך גידינט אין אַ קאַזאַקן רעגימענט. מיינע חברים די קאַזאַקן זענען באַלד גיוואָר גיוואָרן, אַז איך בין אַ גר. מתחילת האָבן זיי גישאָקלט מיט די קעפּ, נאָר דערנאָך האָבן זיי זיך צוגיוויינט צום „קאַזאַק" וואָס עסט נישט קיין חזיר, וואָס היט שבת ווי וויט מעגלעך און וואָס לייגט תפילין... און זיי האָבן מיך אפילו ליב באַקומען... טיילמאָל האָבן זיי אָבער פאַרגעסן אָן מיין יידישקייט און חשק באַקומען צו טשעפּן יידן, זיי צו שלאָגן און באַראַבעווען ווי ס-איז גיוועזן דער מנהג ביי רוסישע זעלנער, בפרט ביי קאַזאַקן, נאָר איך האָב זיי פון דער דאָזיקער מלאכה באַלד אָפּגיוויינט... מיינע קאַזאַקן האָבן קיין יידן קיין שלעכטס נישט גיטוען...

וועסנע צייט תרע"ה, דערציילט מיר ווייטער דער גר יעפרעם, זענען מיר גיקומען אין אַ קאַרפּאַטן-דערפל, דאָרט זיך אויפגיהאַלטן עטלעכע טעג און איינגישטאַנען זענען מיר ביי אַ רייכער פויערישער משפחה. גיהאַט צייט, האָב איך מיר אויסגיוואַשן מיין טלית-קטן און אים אַרויפגילייגט אויף דעם פּלויט פון דעם פויערישן הויף, ער זאָל זיך דאָרט אויסטרוקינען. בתוך כך האָב איך גימוזט אַוועקגיין, קום צוריק, דער טלית-קטן איז נישט דאָ... מתחילת גימיינט דער ווינט האָט אים אפשר אַראָפּגיוואָרפן, גיזוכט און נישט גיפונען בין איך אַריין צו מיין בעל-אכסניה פרעגן אויב עמיץ פון גיי האָט נישט גיזעען וואו דאָס „בגד מיט די פּעדים", וואָס איז גיוועזן אויפן פּלויט איז אַהינגיקומען...

רופט זיך אָן דער זון פונים בעל-הבית, אַ חוצפּה-דיקער סטודענט, „דאָס האָב איך אַוועקגיוואָרפן די „זשידאָווסקע שמאַטע" מסתמא האָט דאָס עפּיס אַ „פאַרשיווער זשיד" אויפגיהאַנגען אויף אונדזער פּלויט צום טרוקינען"

ני — זאָגט צו מיר יעפרעם — זאָלסט דו גאָר נישט פרעגן ווי איך האָב דעם דאָזיקן כלב דעמלט גישלאָגן. בלוט איז פון אים גירונען ווי פון אַ גיקוילעט חזיר...

דער פאָטער און די מוטער און דאָס גאַנצע הויז-גיזונט, זענען מיר גיפאַלן צו די פיס, גיבעטן רחמים, לאָז אים לעבן. דו הערגיסט אים דאָך, די קולות זענען גיגאַנגען עד לב השמים. ווען איך האָב גיזעען, אַז דער שייגיץ האָט שוין „גינוג" האָב איך אויפגיהערט... צי ער איז נאָך די שלעק נאָך אויפגישטאַנען ווייס איך נישט, נאָר מיט קיין „טלית קטן" וועט ער שוין קיינמאָל נישט טשעפּען...

פאַר די גרים דאָרט אין קאַרפּאַטן-דערפל וועט מסתמא שוין אויף אייביק בלייבן אַ רעטעניש, פאַרוואָס אַ קאַזאַק האָט זיך אַזוי מוסר-נפש גיוועזן פאַר אַ יידישע זאַך...

שוין אַרויס פון דרוק
„קינדער גאָרטן נום. 33"
פון היינטיגן חודש אייר מיט אַ רייכן תוכן
איילט מיט באַשטעלונגען!
אַבאָנאַמענט 1 גילדן אַ קוואַרטל.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 069 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

צוויי אגדות.

# מסירת הנפש פון יידישע פרויען פאר-ן כותל מערבי

פון ב. מינץ.

## מלכה דע פראנס

**שוין** א צוויי הונדערט יאר, ווי די מעשה האט זיך פארלאפן אין דער הייליקער שטאט ירושלים.

אין יענער צייט האבן נאך די אראבער שטארק דרך-ארץ גיהאט פאר די יידן, וואס פלעגן קומין דאווינין און וויינין פארן כותל-מערבי. דער הייליקער מקובל ר' שלום שרעבי פלעגט קומין אלע נאכט צום כותל, מיט זיינע חברים, אפריכטן „חצות" און די שכנים די אראבער פלעגן אים א קייגן גיין, זיך פאר אים בוקן און קושן זיינע הענט און די זוים פון זיין כאלאט.

און איינע פון די פרומע ציון-ס טכ ער, מלכה דע פראנס, א מיוח', פון די עלטסטע ירושלים-ער משפחות, האט זיך אפ גינ'מין די מצוה פון ברענגין צום כותל וואסער, ליכט, שטולן און בענק. ווי עס האט נאר אנגיהויבן טאגן האט זיך שוין מלכה באוויזן און די לעצטע פלעגט זי אוועקגיין ביינאכט.

יארן, יארן האט זיך אזוי גיפירט און אלע האבן זי מכבד גיוועָן. יידן און אראבער — אלע האבן גיוואוסט, אז מלכה איז א צדקת און נישט איינער האט איר דערלאנגט אקוויטל, זי זאל עס די הייליקע איבערגעבן מקובלים, אדער אריינשטופן אין די שפאלטן צווישן די הייליקע שטיינער פון כותל מערבי.

מאכט זיך אמאל א מעשה און אין א שפעטער שעה ביינאכט. בשעת איר הייליקער עבודה ביים כותל, — איז אף איר אנגי-פאלן א יינג א „שבאב", פון די אנגיזעענע אראבישע משפחות. מיט א מעסער האט ער זי גישטאכן און מיט איר בלוט באפלעקט די הייליקע שטיינער פון כותל.

מלכה איז גיפאלן אין חלשות און קוים מ-האט זי א לעבעדיקע גיברענגט א היים.

און אין דער דאזיקער נאכט איז פינצטער גיוועָן ביים כותל און די הייליקע מקובלים האבן נישט גיהאט מיט וואס זיך צו וואשן זייערע הענט און אויף די גאלע שטיינער האבן זיי גימוזט זיצן.

און נאך האלבער נאכט האט זיך א שרעקלעך גישריי, גיטראגן פון אראבישן פערטל. דאס האבן גישריגן די עלטערן און משפחה פון דעם „שבאב", א גרויסע צרה איז זיי גישען: אזוי ווי דער יינג איז א היימגיקומין, איז ער אוועקגיפאלן א פאראליזשירטער ווי א שטיק האלץ, מיט אן-אפן מויל און פארשטארטע, גלעזערנע אויגן איז ער דא גילעגן און אויסגיזעען האלב-טויט.

האבן זיך די עלטערן און משפחה גילאזט צו מלכה דע פראנס, אנידער-גיקני'ט פאר איר בעט און גישריגן: „האב רחמנות, מלכה, דערבארים דיך, אללא איז אויך א דערבארימדיקער און פארגיט אויך די זינד, איינציק איז ער ביי אונדז, דער יינג, דאס שווארץ אפל פון אונדזערע אויגן, דאס פינטל פון אונדזער הארץ, רחמנות, א הארינטע, רחמנות!"

האט זיך מלכה אנגילעָנט מיט בײדע עלנבויגנס אפן בעט און גיזאגט: „גייט א היים, איר עלנטע און ווארט אף מיין תשובה".

זענין זיי א היים גיגאנגין מיט א גיבראכן גימיט און מיט אראפ גילאזטע קעפ און מלכה האט זיך מיט די לעצטע כוחות אנגיטון באפוילן, אז קיינער זאל מיט איר נישט גיין און אנגילענט אף א שטעקן איז זי פארשוואונדן אין די גידרייטע ירושלימער געסלעך.

עטלעכע שעה שפעטער האט ביי דעם יינג-ס עלטערן אנגיקלאפט דער שמש פון דער מקובלים ישיבה „בית אל", א שליח פון מלכה-ן.

— אויב איר ווילט — האט זי גישיקט זאגן — אז אייער זון זאל לעבן בלייבן, זאלט איר אים אין זיין בעט ברענגין צום כותל-מערבי. דארט זאל ער זאגן ווידוי און פאר גאנץ קהל בעטן פארגעבונג פון ג—ט, ווארום נישט מיין נאמין האט ער פאר שוועכט נאר דעם נאמין פון דער שכינה, וואס האט זיך קיינמאל נישט אפגיטון פון כותל.

מורא-דיק איז גיוועָן דאס בילד. אין א בעט האט אים די משפחה גיפירט צום כותל און נאכ-ן בעט — טויזנטער יידן און אראבער, וואס זענין גיקומין זעען דאס וואונדער. פאר-ן גאנצן המון האט דער יינג זיך מתוודה גיוועָן און צוגיזאגט קיינמאל מער מיט קיין יידן נישט צו טשעפן.

דערנאך האט דער עלטסטער מקובל פון דער ישיבה „בית אל" ארויפגילייגט די הענט אפן יינגס קאפ און גיזאגט: הייל איך איבערט צוליב דעם כבוד פון דעם הייליקן ארט און צוליב דעם כבוד פון דיין פאלק ישראל".

און דער מקובל האט גיזאגט צו צוויי חכמים: נעמט אים אונטער די הענט און פירט אים א היים. האט זיך דער יינג אויפגיהויבן און איז מיט די חכמים א היים גיגאנגין פולקאם גיזונט אין זכות פון כותל מערבי און איר טרייע דינערן מלכה דע פראנס.

## רבקה מארפארגא*

**אין** ירושלים איז אמאל גיוועָן א גרויסע צדיקת רבקה מאר-פארגא און זייער אפגיהיטן האט זי דעם אייבערשטנס מצוות. דריי מאל אין טאג פלעגט זי גיין צום כותל-מערבי בעטן צו ג—ט דעם אלמעכטיקן.

און עס האט זיך אמאל גיטראפן: רבקה איז ווי איר מנהג, גי-שטאנין און גידאווענט ביים כותל, גיוויינט און גיקושט זיינע הייליקע שטיינער האט אן-אראבישער שגץ איר גיווארפן א שטיין אין קאפ אריין.

האט זי אנגיהויבן נאך העכער חייַנין און גיזאגט: — ג—ט גי-רעכטער, נישט מיך מיין איך ח"ו, נאר דיין כבוד איז דאך פארשוואכט גיווארן, דער כבוד פון דעם הייליקן ארט

האט זי גיהערט ווי א קול ענפערט איר:

מארגן פארטאג הויב דיך אף און גיי אויפן הר הזתים.

האט זי זיך צומארגנס אויפגיהויבן גאנץ פרי און גיגאנגין אויפן הר הזתים. פון „יד אבשלום" איז זי גיגאנגין ביז זי איז צוגי-קומין צום קבר פון זכרי' הנביא.

און דער קבר איז אויסגיהאקט אין א פעלזיקער וואנט, איז זי קוים מיט די פיס און מיט די הענט אריינגיקראכן אין דער פינצטערער מערה.

און אז זי איז שוין גיוועָן אין די טיפינישן פון דער מערה האט זי אופגיהויבן די אויגן און אין דער פינצטערניש דערזעען א הויכן אלטן מאן, אנגיטון אין א מאנטל פון ליכטיקן פייער.

האט זי זיך זייער דערשראקן און גיזאגט צו זיך: „כ-וועל שוין זיכער שטארבן".

האט צו איר דער זקן גיזאגט:

— הער זיך איין טאכטער און האב נישט קיין מורא.

ג—ט האט זיך צוגיהערט צו דיין תפלה און דיינע טרערן האבן דערגרייכט דעם כסא הכבוד. און ווייל ס-האט דיר אזוי וויי גיטון פארן כבוד פון דער שכינה, וועל איך דיר מגלה זיין דעם קץ.

האבן זיי זיך בײדע גיזעצט אויף צוויי שטיינער און דער זקן האט איר מגלה גיוועָן דעם טאג ווען משיח וועט קומין.

פארנאכט האט זיך רבקה אומגיקערט א היים. אין דער שטיל האט זי גילאזט רופן דעם רב און אים אנגיהויבן דערציילן, וואס זי האט דורכגילעבט דעם גאנצן טאג און אז זי איז צוגיקומין צו די ווערטער פון דעם זקן האט זיך באוויזן אן-אויסגי'שטרעק-טע האנט פון הימל און איר פארמאכט דאס מויל...

און די נשמה פון רבקה מארפארגא איז אויסגיגאנגין בקדושה ובטהרה פארן כבוד פון כותל מערבי.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 069 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

(פונים בוך „רבקה״)

# אינים הויז פון דער דערציערן

(זע ב״י נומער 64)

**רבקה־לע** איז גיווען א קינד, וואָס האט גיוואלט לערנין. מיט פרייד האט זי באַזוכט דעם שכנות־דיקן לערן־אנשטאלט, און זי איז מיט אַ גלענצנדן ערפאלג יעֶדעס יאָר אַריבערגיגאַנגין אין א העכערער קלאַס. די ערציאונג ביי דער אידעאלער פרוי טייעסט, האט געגעבן גוטע פרוכטן. רבקה איז גיווען אַ מוסטער פון אַ יידישער טאכטער. עס זענין אַוועק 8 יאָר און רבקה האט זיך שוין גיפונין אין העכסטן קלאַס פון אינסטיטוט. אין דעם דאַזיקן קלאַס האבן אויך גילערנט עטלעכע מיידלעך פון זייער רייכע עלטערן, וואָס האבן פריער גילערנט אין א פרויען־אינסטיטוט פון דער „העכערער״ גיזעלשאַפט, וואו זיי האבן אַלס יידישע קינדער, גימוזט האָבן אַ באַזונדערער זכי׳ אויפגינומין צו ווערן.

די קריסטלעכע שילערנס האבן אויף זיי גיקוקט פון אויבן אַראָפּ און זיי גיטון אַ גרויס חסד, ווען זיי האבן מיט זיי גירעט.. און וואָס שייך רעליגיעֶזער און גיזעלשאפטלעכער דערציאונג איז נישט גיווען וואָס צו רעדן. פון די דאָזיקע זאַכן האבן זיי גיהאַט פונקט אַזוי פיל אַנונג, ווי אַלע יידישע שילערנס פון אַזאלכע „פאַנסיאָנען״ און „אינסטיטוטן״. דאס יידישקייט איז פאַר זיי גיווען א בזיון. זיי האבן זיך פשוט דערמיט גישעֶמט, און ווען זיי האבן גירעט מיט זייערע קריסטלעכע חברטעס זענין זיי גיוועֶן אַזוי באשיידן און הכנעה־דיק, אז עס איז אָנגיגאַנגין אַנ־עֶקל פאַר זייער גיפאַלנקייט. אבער ווען עס איז זיי אויסגיקומין צו רעדן מיט אַ יידיש מיידל, האבן די זעלבע הכנעה־דיקע שילערנס פאַרריסן דעם קאָפּ, ווי עס וואלט זיי גאָרנישט אָנגישטאַנין מיט זיי צו רעדן.

איצט זענין זיי אָנגיקומין אין דער אמת־יידישע ערציאונג־אַנ־שטאַלט און גיוויס זענין זיי דאָ א ביסל אַנדערש גיווארן. דאָ איז די סביבה און די ערציאונג גיוועֶן אַנ־אַנדערע, אבער די שפורן פון יענע אומטאלעראַנטער און הומאַניטאַרער אידעֶען־לאזער ערציאונג פון „פרויען־אינסטיטוט פון דער העכערער גזעלשאַפט״ זענין שוין אין זיי אויף אייביק פאַרבליבן און מען האט דאָס נישט גיקענט פון זיי ארויסרייסן. אויף פיל פון די יינגע שילערנס האבן זיי גיקוקט מיט גאווה און דאך האבן די איבריקע שילערנס גיזוכט זייער פריינטשאפט און גיהאַלטן פאַר אַ גרויס גליק, אַז די דאזיקע שטאלצע פאַנסיאָן־מיידלעך האבן זיך מיט זיי גיחַברט.

נאַטירלעך האבן זיי גיהאַט זייער אַ שלעכטן איינפלוס אויף דער גאַנצער קלאַס. אַלס גיניטע בעאַבאַכטערן און אַלס קענערן פון דער קינדערישער נשמה האט פרוי טייעסט, נאַטירלעך, באַמערקט די אימגיוואונטשינע השפעה, וואָס די דאזיקע מיידלעך האבן אויף די איבריקע שילערנס. רבקה איז דאַן גיווען אין דעם עלטער, ווען עס קומט פאר דער איבערברוך פון דער קינדהייט. אין דער צייט, ווען דער מענטש אַרבּיט אויס זיין כאַראַקטער און זיינע גייסטיקע אייגנשאפטן און פאַלט אַרונטער אינטער יעֶדער השפעה. זי איז דעמלט אַלט גיוועֶן 15 יאָר.

פרוי טייעסט האט אויסגיאַרבּיט אַנ־אָנגרייף־פּלאַן, וואָס איז זייער לייכט אויסגיפירט גיווארן. זי האט נעמלעך גימוזט די דאזיקע מיידלעך אַריינציען אין איר קרייז און מאַכן זיי אומשעֶדלעך און אַנטוואָפינין. צו דעם צוועק האט זי פאַרבעֶטן אויף אַנ־אָוונט די גאַנצע קלאַס מיידלעך. קלעמענט קאך, לאורא ב. און אַגוסטא צ., וועלכע האבן זיך פון איר ביז איצט אינסטינקטיוו גיהאַלטן פונדערוויטנס, האבן גיהאַט אַזוי פיל פאַרשטאַנד, אַז זיי דאַרפן זיך נישט אויסשליסן פון דער גיזעלשאַפט און זיי זענין גיקומין צו פרוי טייעסט. נאַטירלעך, נישט צוזאַמין מיט די אַנדערע נאָר שפעטער מיט אַ האַלבער שעה, ווען אַלע זענין שוין דארט גיווען.

פרוי טייעסט האט זיי באַגריסט און רבקה אַלס די טאכטער פון די גאַסט־געבערן האט זיי פריינטלעך אָנגיוויזן אַ פלאַץ ביים קלאַוויר. פרוי טייעסט האט אָנגיהויבן צו וואַרפן אירע פינגער איבער די קלאַווישן און עס האבן זיך דערהעֶרט די איידילע טעֶנער פון אַ פרעֶכטיקעֶר מעלאדיע, וואָס האט אָניוואָרפן אַ דער־הויבינע שטימונג צווישן די פאַרזאַמלטע מיידלעך. ווען זי האט גיענדיקט, האט זי זיך מיט אַ פריינטלעכן שמייכל גיווענדט צו צוויי אָנגיקומינע מיידלעך:

איר זענט אַ ביסל צו־שפּעֶט גיקומין, אבער דאך זענט איר גיקומין.

*

ליידער קאָן אונדז דאָ נישט אַנטשולדיקן קיין ווייטער וועֶג — האט קלימענטעקא אָנגיהויבן — נאר...

מיר זענין אבער נישט גיקומין מיט ליידיקע הענט — האט איר די צווייטע חברטע אונטערבראכן — אָנווייזנדיק אויף דער שטיקעריי, וואָס זי האט מיטגיברענגט און באטראַכט די פאַר־זאַמלטע מיט אַ טריאומפירנדן גליק.

וואָס פאַראַ קלאַסישע שפּראַך — האט פרוי טייערט באַמערקט מיט אַ פיינים שמייכל.

נו, מיר האבן דאך דורכגילעֶזן די גאַנצע קלאַסישע ליטעראַטור — האט איינע פון די „שטאלצע״ גיענפערט מיט א זעלבסט־צו־פרידנהייט.

צו ליינין די קלאַסישע ליטעראַטור און אפילו זי אינגאַנצן דורכ־צוליינין איז נאך אַ קנאַפּער פארדינסט, בעסער איז, ווען מען פאַרשטייט די ליטעראַטור, נאך בעסער, ווען מען הויכט אין זיך דעם פאַעטישן גייסט פון דער דיכטונג, און צו־מאכן פאַר דעם אייגינים לעֶבנס־וועֶג דעם זיטלעכן אינהאלט פון דער דראַמאַ, אבער דאָס איז אויך נישט אַלץ. דער קולט פון דער קונסט קאָן נישט פאַרבייטן די רעליגיע. די קלאַסישע ליטעראַטור קאָן נאך נישט אויספילן אונזער גאַנצער בילדונג. די, וואָס פאַרנעמין זיך בלויז מיט דער קלאַסישער ליטעראַטור אָן דער קלאַסישער בילדונג זענין גיגליכן צו דער פרוי, וואָז האַלט שטענדיק אין פוצן איר אויפנאַם־צימער, אין דער קוך, אין עס־צימער און אין שלאָף־צימער הערשט אַנ־אומאָרדנונג. און ברויך דען די יידישע פרוי נישט צו לערנין פיל מער, ווי עס פאדערט די וועלטלעכע בילדונג? זענין מיר דען נישט קיין יידן? ווען מיר דען, וויינקסטנס, פאַר ג–ט נישט בלייבן קיין יידן?

אבער פרוי טייעסט! מיר האבן אויך גילערנט דעם תנ״ך, נאַטיר־לעך אין אַנ־איבערזעצונג, און חומש האבן מיר אויך גי־לערנט.

דאָס איז, מייגע ליבע, יעֶדנפאַלס אַ וויכטיקע זאַך, אבער נישט גאך אַלץ. די הייליקע תורה ווייזט אונדז דאָס יידישע לעֶבן און זיינע הויפּט־שטריכן און זי איז אַנ־עץ־החיים — דער לעֶבנס־בוים פאַר די, וואָס זענין גיטריי אירע גיבאַטן. די תורה שבעל־פה ווייזט אונדז אבער דאָס גאַנצע לעֶבנס־בילד און זי לערנט אונדז ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט דעם „לעֶבנס־בוים״ און ווי אַזוי צו גיניסן זיינע פרוכטן. דאָס קאָן די שול ביים בעסטן ווילן נישט געבן דער יידישער טאכטער. דורך באַזונדערע ביישפילן און אָנשויאונג קאָן מען ערשט קומין צום באַוואוסטזיין פון דעם ערהאַבינים, פון דעם לעבן פון אונדזערע חכמים.

(ווייטער — זע נומער 70)



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 069 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 11 מתוך 16

# אין דער בייער היים

זכרונות פון פרוי גליקל האמלן

גישריבן מיט 300 יאר צוריק אין עברי-טייטש

**מיין** שוואגער מהור״ר ר׳ אברהם ע״ה איז געווען א גרויסער למדן, א חכם. ער איז געווען א קליינער רעדער, אבער דאס וואס ער האט גירעט איז געווען לויטער חכמה און עס איז ווערט געווען אים צו הערן. כ-וועל זיך נאך אפשר דערמאנין עפיס וועגן אים.

מיין שווער האט אויך גיהאט א טאכטער יענטע. מיין שווער זצ״ל האט מיט איר גיטון א שידוך מיט דעם זון פון זוסמאן גאנץ אין מ-נכען אם וועסער. ר׳ זוסמאן האט דאן גיהאט א נאמין פון א גביר, וואס פארמאגט הונדערט טויזנט ר״ט. דער שווער האט מיט אים גיטרונקין וויין און ביים כוס איז גישלאסן גיווארן דער שידוך. צומארגנס, ווען גאנץ האט זיך אויסגינישטערט פון וויין, האט ער חרטה גיהאט אויפן שידוך, אבער דער שווער איז געווען א ייד א תקיף און ער איז נישט דערויף באשטאנין און די מעשה דערפון איז געווען אזוי: חתן כלה זענין נאך דעמאלט געווען קינדער, און זוסמאן האט גישיקט זיין זון קיין פוילן אין א ישיבה ארייין. אין א קורצע צייט ארום איז זוסמאן גישטארבן, און ער האט קיינים נישט גיהאט, וואס זאל אכטונג געבן אויף זיין פארמעגן. און זיין גאנץ האב און גוטס איז גיגאנגין לאיבוד. זיין ווייב די אלמנה האט חתונה גיהאט מיט א צווייטן מאן ר׳ פייביש. אין א פאר יאר ארום איז דער חתן צוריק גיקומין פון פוילן. אבער שטאטס די כויזנטערס וואס מיין שווער האט גימיינט, איז נאר גיבליבן עטלעכע הונדערט. אצינד האט שוין דער שווער גיוואלט אפלאזן דעם שידוך, מיין שוויגער האט אבער נישט גיוואלט מבייש זיין דעם יתום. מ-האט דערום גישטעלט א חופה און דאס פאר-פאלק האט א פאר יאר גיוואוינט אין מינכן.

האט אמאל פאסירט א מעשה און פייביש מיט זיין ווייב האבן חתונה גימאכט זייערס א זון. ווען מ-האט גימאכט דאס שפינהאלץ 1) האבן זיי ארויפגישטעלט זייערע שיינע זאכן אויפן טיש, צו ווייזן דערמיט זייער רייכקייט. שלמה גאנץ האט גיזעען די דאזיקע זאכן און גאנץ מעגלעך אז ער האט דארט דערקענט זאכן, וואס האבן גיהערט צו זיין פאטער ר׳ זוסמאן גאנץ. איז ער ארייין אין קאבינעט און ארויסגינומען פארשידענע גישריבינע פאפירן. ער האט גימיינט, אז ער האט דערויף רשות, אבער וואס זאל איך דא מאריך זיין! צוואנציק בויגן פאפיר וועלן מיר נישט קלעקן צו באשרייבן וואס עס האט זיך דעמאלט אפגיטון. צו מארגנס האט פייביש דערזעען, אז עס פעלט אים דער קאסטן מיט פאפירן האט ער חושד-גיוועזן זיין שטיף-זון. איז גיווארן א מחלוקה און מיין שווער איז אויך גיווארן ארייינגישלעפט אין דער מחלוקה מ-האט זיך גיהאלטן אין איין לאדינין, און דער משפט האט אפגיקאסט מיין שווער און שוויגער מער פון טויזנט ר״ט. זיי האבן זיך גי-לאדנט פאר די שררות, און איינער דעם צווייטן איז ממש דאס לעבן דערגאנגין. און אמאל האט דער דעם איינגיזעצט אין תפיסה און אמאל דער — דעם. צום סוף האבן זיך מענטשן ארייינגימישט און זיי האבן גיזעען, אז זיי זאלן האלטן א דין-תורה ביי די רבנים פון פראנקפורט אם-מיין און צו מאכן דערפון א סוף.

די דין-תורה האט גידויערט זייער א לאנגע צייט. אבער עס איז גארנישט ארויסגיקומין דערפון. עס האט נאר אפגיקאסט זייער א סך געלט. איינים פון די רבנים, וואס האבן גיהערט דאס האט זיך פאר דעם פסק-געלט, וואס ער האט באקומין, גיקויפט א זייער שיין צימער. און גילאזט דארט אויסמאלן א גאנדז, און ארום איר שטיין דריי אדער פיר און פליקן פון אים אויס די פעדערן...

הארכיון היהודי

דער שווער האט דערנאך אריבערגינומין זיין איידים שלמה גאנץ און זיין טאכטער יענטע פון מיירען קיין האנאווער און ער האט נאך באקומין בירגער-רעכט פאר זייער קינד.

האנאווער איז שוין דעמאלט געווען א ווירטיקע שטאט. שלמה גאנץ איז דערפון געווען צופרידן און ער האט נאך גימאכט א פארמעגן. זיין פרייד האט אבער לאנג נישט גידויערט. דער יונגערמאן איז זייער יונג גישטארבן. זיין ווייב איז אפאר יאר גיזעסן אן-אלמנה און נישט גיוואלט חתונה האבן. זי איז געווען א זייער וואוילע פרוי. אבער דער גרויסער מאן ליפמאן 2) האט גיהאט די זכי׳, אז זי זאל וועלן ווערן זיין פרוי. ווען ליפמאן האט חתונה גיהאט מיט מיין שוועגערן יענטע, איז ער נאכנישט געווען אזא גרויסער עושר, ווי איצט. מיר האבן אבער א גרויסן ג—ט וואס דערהייבט און דערנידריקט, און אלץ איז אין זיין האנט און מיין שווער זצ״ל האט זיך הונדערט מאל משתדל געווען ארויסצובאקומין ער-לויבינישן פאר זיינע קינדער אז זיי זאלן מעגן וואוינין אין האנא-ווער. און ער האט גימיינט אז דערמיט וועט ער פארזיכערן זיינע קינדס-קינדער אויף אייביק. אבער פאר וועמין האט דער דאזיקער מענטש אפגיגעבן זיין גאנצע ארביט און מי? אלץ פאר פרעמדע, אזוי ווי עס שטייט גישריבן. „און זיי האבן איבערגילאזט פאר פרעמדע זייער פארמעגן". אבער וואס זאל איך נאך מאריך זיין וועגן דעם אלץ הענגט אפ פון ג—טס ווילן!

ארכיון אסופות

(ווייטער זע נומער 66)

1) אזוי, האבן די דייטשע יידן אנגירופן די מאלצייט, וואס מיר רופן: „גאסט גיבאט".

2) ליפמאן פרנס; ער איז געווען דער פאקטאר ביים הערצאג פון בראנשווייג — ליניבורג.


לכבוד דעם פיניף-יעריקן יובילעום פון „בנות=אגודת-ישראל"
גייט ארויס פון דרוק:

## א) די העלדין פון געטא

היסטארישע דערציילונג פון יידישן לעבן אין פוילן פון שמואל ראטשטיין.

אין דער דאזיקער דערציילונג איז דער תעלד די בארימטע יידישע פרוי „די גיל-דינע רויזע", וועלכע איז אומגעקומין אויף קידוש-השם אין לעמבעריק. — אין בוך, אויך דאס אינטערעסאנטע בילד פון דער דאזיקער פרוי.

## ב) די געשיכטע פון יהודית

אויספירלעכע באשרייבונג פון דער העלדישער פרוי יהודית, אירע העלדישע מעשים און איר מסירת הנפש פארן יידישן פאלק. (א גיטריע פארטייטשונג פון „מגלת יהודית").

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, Kwiecień 1931
„BAJS JAKOW“
Cena 65 gr.
P.K.O. 67.795
Rok VIII zeszyt (12 69)
Adres Red. „Bajs Jakow'
Łódź, Limanowskiego 28.
Telefon 109-77.

א הארציקן מזל-טוב וואונטש איך דער פרל. פערל קראנגראד (בזשעזשין) צו איר פארלאבונג מיט ה' קאהן (וויערושאוו). מיט שפע פון ברכות זאלט איר זיין געבענטשט.

טובא יערוזאלעם'
לערע־ן פון ב״י אין בזשעזשין

---

א הארציקן מזל-טוב וואונטשן מיר אונזער ח. פריינט, דעם איבערגעגעבענעם ב״י עסקן ה' משה מינץ (אזשאראוו) צו דער חתונה פון זיין טאכטער.

רעדאַקציע
בית יעקב-זש רנאַל
לאדזש

---

צו דער חתונה פון אונזער געטרייער בנות-חבר'ה גינענדל קעסטנבערג (פשיטיק) מיט ה' פנחס שאַגי (ווארשע) און צו דער פאַרלאבונג פון פרל. מרים ליבערמאן (פשיטיק) מיט ה' שמחה וואקשאל (וויסקיט) וואונטשן מיר א הערצלעכן מזל-טוב איר זאלט בויען אייער גליקלעכן עתיד באשטראלט מיטן גייסט פון בית-יעקב-אידעאַל אין הייליקן לאנד.

פשיטיק — לערערן באהאַריער בנות-אַגודת-ישראל

---

א הארציקן מזל-טוב וואונטשן מיר אונדזערע חברות אלשטיין און שאלדאיעסקא צו זייער חתונה, און טארנהיים (בילגאריי) שאַטאן (בעלכאטאוו) צו זייער פארלאבונג. ברכה און גליק זאל אייער נייעם לעבנס-וועג תמיד באגלייטן.

לאדזש — דינה קנאבלאוויטש און לאה בליסקא

---

א הערצלעכן מזל-טוב וואונטשן מיר די פאמיליע „פעצל" צו די חתונה פון זייער זון און ברודער. זאלן זיי פונים יינגן פאר פיל נחת דערלעבן.

טלושץ — בנות-אַגודת-ישראל
פארזיצערן: שרה פלאנטשאק

---

א הארציקן מזל-טוב וואונטשן מיר אונזער פאַ-זיצענדערן פרל. ציוויאַק צו איר חתונה מיט ה' חאַצעק זאל השי״ת אייך געבן אין דער צו-קונפט פיל גליק און צופרידנהייט. איר זאלט זוכה זיין צו בויען אייער הויז אין גייסט פון בית-יעקב.

ווישקאוו — לערערן: מרים טויבע
„בנות אגודת ישראל"
יוגנט-גרופע ביי „בנות"

---

מארץ מרחקים ברכה מז״ט נשלח יהנגיד מר נח ציטרינבוים (מווירזבניק) לשמחת בתו יתן ה', עושר וכבוד כל ימיהם ותזכו לראות מהם נחת כל הימים.

דעטרויט אמריקה — ידידו שו״ב ליבוש טננבוים ורעיתו

---

גם אנחנו מברכים ברכת מז״ט את מר נח ציטרינבוים לשמחת בתו המהוללה. תהי דורכיהם בחיים צ״חה ומאושר.

נוי יארק-אמריקה — הרב ליי ל בלום פלד רעיתו

---

גם אני מתכון נגד המברכים.

נוי-יארק-אמרקה — שו״ב צבי טננבוים

---

צו דער פאַרלאבונג פון פרל. שרה דבורה ציטרינבוים מיט ה' אברהם יצחק וואונטש איך מז״ט. זאל אייער צוקונפט זיין א גליקלעכע.

טאראנטא קאנאדא — אייערע פריינד אברהם טענענבוים און שרה ניימאן

---


# אינסטרוקציעס און מאַטעריאַל צו גרינדן אַ בנות-אַגודת-ישראל ארגאַניזאַציע:

אויפרופן, דעקלאַראַציעס, אָפּצייכינונגען,
פראפּאגאַנדע-בראשורן, בנות-קאַרטלעך

**— 5 גילדן —**

אין יעדן ארט וואו סע וויל זיך ערשט גרינדן אַ „בנות" דאַרף מען באַלד באַשטעלן די מאַטעריאַלן.

אַדרעס פון דער צענטראַלע:
Sekretarjat B. A. I. Łódź skrz. pocz. 146
פאַר געלט: P. K. O. 67.795

---

# פראַנקפורט אַם מאַין

ערשטקלאַסיקע דערציונגס-אינסטיטוט
שטרענג כשר — געגרינדעט 1869

וויסנשאַפטלעכע, פראַקטישע און געזעלשאַפטלעכע
אויסבילדונג פאר יינגע מיידלעך אינים ארט. גייסט.

די בעסטע רעפערענצן!

אַדרעס: Dr. Heinemannsches mädchen pensjonat,
Frankfurt a. m. Mendelsohnst. 84

---

שוין אַרויס פון דרוק:

# קינדער גאָרטן

## נומער 33 — חודש אייר

אינהאַלט: א) זומער-אַרביט פון בתיה - פארבאַנד ב) ל״ג בעומר — (ליד) טע בערלינער ג) רבי משה איסרליש (רמ״א — צו דער ל״ג בעומר יאַרצייט) — א. גנאם) ד) דעם קינדס וויגעלע (ליד) — אליעזר שינד-לער ה) ואַהבת לרעך כמוך — שרה שענירער ו) די מלכה פון שיינקייט — שמואל נאדלער ז) דער צפון-ווינט — וו. קורטמאן ח) רבי חנינא בן דוסא. — בנימין זוסמאַן ט) די ברכה (ליד) שינדלער י) שפעט (ליד) בן אי״ש יא) טאָג-בוך פון א שילערן — פריידקע יב) פרילינג-טעג (ליד) יג) די שוואַלב יד) פרעסע-וואך אין וואַרשעווער בית-יעקב טו) אונדזערע לייענערס שרייבן.

בילדער און אילוסטראַציעס

24 זייטן זשורנאַל פאַרמאַט — פרייז 40 גר.
אַ קוואַרטל נאר 1 גילדן. געלט-שיקן פ. ק. א. 67 795
איילט מיט באַשטעלונגען!

---

שוין אַרויס פון דרוק:

# גאולה פון לשוז

## פון פראָפ. דר. שלמה בירנבוים

תוכן:

א) הקדמה
ב) דאָס חשיבות פון יידיש
ג) דאָס שייכות פון דער טראַדיציע
ד) אָפּגידראשינע טענות
ה) לשון נאַציאָנאַליזם
ו) אונדזער נאָכטאַנציניש

— א איינצל עקז. מיט פּארטא 50 גר. —
10 עקז. 3.25 זל. 20 עקז. 6 זל. 40 עקז. 11 זל.
אָן געלט ווערט ניט געשיקט! געלט-שיקן פ.ק.א. 67.795


---

די רעדאַקציע איז אָפן יעדן טאָג פון 11—4 נאָכמיטאָג — נישט באַשטעלטע מאַנוסקריפּטן ווערן נישט צוריק געשיקט — ביים פאַרלאַנגען ענטפער מוז זיין בייגעלייגט 1 פּאָסט-מאַרקע — אַנאָנים, וואָס ווערן נישט באַצאָלט פריעראויס ווערן נישט גידרוקט און ס-ווערט נישט אָפּגיענטפערט אויף אַזוינע פּרעטענציעס. באריכטן פון די שטעט וואו ס-איז נישטאָ שטענדיקע 10 אַבאָנענטן ווערן נישט גידרוקט.

Red. i Wyd. Luzer Gerszon Frydenzon
געזעצט ביי מ. ליבעסקינד לאדז, קילינסקיעגא 50
Tłoczna J. Djament Łódź, Kilińskiego 50. Tel. 188-76

בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 069 a הודפס מתוך הארכיון היהודי